בס"ד

בלק תשפ"ג
גליון 147

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּט שַׁבָּת פַאר אַלֶע אִידְן

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער דְרַיי יָאר זִינְט עֶס קוּמְט בְּעֶזְר הַשֵּׁם אַרוֹיס וֶועכֶענְטְלִיךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי יוּנְגֶע הֶערְצֶעלֶעךְ אַרוּם דֶער וֶועלְט. אִילוּ פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַּאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט מִיט אוּנְז בִּיז אִיצְט, עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ עֶר הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער, בֶּעטְן מִיר עֶר זָאל אוּנְז וַוייטֶער הֶעלְפְן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס דַעַת בִּיז עֶס וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר".

מִיר הַאלְטְן בַּיי פַּרְשַׁת בָּלָק, לָאמִיר זֶען וָואס בָּלָק הָאט גֶעוָואלְט טוּן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. חֲזַ"ל זָאגְן מִבִּרְכוֹתָיו שֶׁל אוֹתוֹ רָשָׁע אָנוּ לְמֵדִים מַה הָיָה בְּלִבּוֹ - פוּן זַיינֶע בְּרָכוֹת קֶענֶען מִיר לֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זַיין הַארְץ אוּנְז צוּ שֶׁעלְטְן. אֵיינֶע פוּן דִי בְּרָכוֹת פוּן בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען, "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב וּמִסְפָּר אֶת רֹבַע יִשְׂרָאֵל", טַייטְשׁ רֶבִּי נָתָן אַזוֹי: "וֶוער קֶען צֵיילְן




אוּן אָפְּשַׁאצְן דָאס טַייעֶרְקַייט אוּן הֵיילִיגְקַייט פוּן יֶעדֶע טְרִיט וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף דִי עֶרְד, גֵייעֶנְדִיג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אָדֶער אִין חֵדֶר, וָואס פוּן דִי אַלֶע טְרִיט וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל תִּקּוּנִים אוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ.

עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דֶער קָאמְפְּיוּטֶער וָואס קֶען אָפְּצֵיילְן אוּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָאס טַייעֶרְקַייט אוּן שַׁעֲשׁוּעִים פוּן יֶעדְן טְרִיט אוּן טְרִיט וָואס מֶען גֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד וֶוען מֶען גֵייט טוּן אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ, ווִי לְמָשָׁל אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי מִיסְט וֶוען טַאטֶע-מַאמֶע בֶּעטְן, גֵיין אַיינְקוֹיפְן לִכְבוֹד שַׁבָּת, וֶוען אַ אִינְגְל טוּט אָן זַיין טֶעשֶׁעלֶע צוּ גֵיין אִין חֵדֶר, אֲפִילוּ נָאר פוּן דִי טְרִיט גֵייעֶנְדִיג אוֹיפְן וֶועג נָאךְ פַּאר'ן אָנְקוּמֶען אִין חֵדֶר, וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע טְרִיט אָפְּגֶעטוּן גָאר גְרוֹיסֶע תִּקּוּנִים וָואס מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט אַרַיינֶעמֶען אִין אוּנְזֶער מֹחַ, דִי טַייעֶרְקַייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן.

בִּלְעָם זָאגְט: "הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב" טַייטְשְׁט דֶער תַּרְגּוּם יוֹנָתָן אַז כְּלַל יִשְׂרָאֵל רֶעכֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גוֹיִם, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט נָאךְ דִי גוֹי'שֶׁע מָאדֶעס דִי גוֹי'שֶׁע שְׁפִּילֶערַייעֶן אוּן אַלֶע סָארְטְן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע נַאשֶׁערַייעֶן, טַייעֶרֶע קְלֵיידֶער אוּן לוּקְסוּס'דִיגֶע מֶעבְּל א.א.וו. דִי גוֹיִם לֶעבְּן נָאר אֵיינְמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט מוּזְן זֵיי גְלַייךְ זִיךְ אוֹיפְכַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע

המשך קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

נַייעֶ טֶעכְנָאלָאגִיעֶ און תַּאֲווֹת וָואס שְׁווימֶען כְּסֵדֶר אַרויף ווי שְׁוַואמֶען נָאךְ אַ רֶעגְן, ווייל דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶער חִיוּת.

אָבֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט גָאר אַן אַנְדֶערְן תַּכְלִית זֵיי לֶעבְּן אַ פְּשׁוּטֶע לֶעבְּן און קויפְן נָאר וָואס מֶען מוּז כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט דֶעם דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. וְויאַזוֹי קֶען מֶען טָאקֶע צוּקוּמֶען צוּ דֶעם? זָאגְט רֶבִּי נָתָן "הֵן עָם לְבָדָד יִשְׁכּוֹן" דִי אִידְן זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָּאלְק זֵיי גֶעוואוּינֶען זִיךְ צוּ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתֶיךָ" (ישעיהו כו, כ) זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס פְלִיגְלֶען אַזוֹי ווִי ס'שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים "כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ (תהלים צא, ט)" זָאגְט דָוִד הַמֶּלֶךְ פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער: "גָאט בָּרוּךְ הוּא דִי בִּיסְט מַיין וואוינְאָרְט, מַיין שְׁטוּב, מַיין פַארזִיכֶערוּנְג, אִיךְ לֶעבְּן נָאר פַאר דִיר". אִיךְ דַארְף נָאר וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ שִׂמְחָה און יִשּׁוּב הַדַּעַת".

בִּלְעָם הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן "תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ", הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין דֶעם וֶועג, זִיךְ שְׁטַארְקְן יֶעדְן טָאג און אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת און קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם רָצוֹן און גְלוּסְטֶענִישְׁן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט מַיין סוֹף גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט. יָא בִּלְעָמ'ל הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער, ווייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מוֹיל עֶר זָאל דֶערְמִיט שְׁטַארְקְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת און כִּסּוּפִים.

בִּלְעָם הָאט גֶעוָואלְט חָזֵק מַאכְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, קַאלְט און שְׁוַואךְ מַאכְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ כְּדֵי זֵיי צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיינֶע קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז בִּלְעָם אַלֵיין הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין ווִי טַייעֶר און חָשׁוּב זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַזוֹי ווִי אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת זָאל הַיינְט אוֹיךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע גְּזֵרוֹת און דִינִים צוּ בְּרָכוֹת און יְשׁוּעוֹת, אָמֵן.

הדפסת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר נתן שטיינבערגער הי"ו
לרגל שמחת נישואי בנו החתן אשר נ"י
~ ~
הדפסת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם צבי זינגער הי"ו, ומחותנו הר"ר משה דוד
בינעט לרגל שמחת נישואי צאצאיהם
~ ~
הדפסת הגליון נתנדב ע"י הר"ר אליעזר פאפנהיים הי"ו,
לע"נ אמו פעסיל בת ר' משה ע"ה
היארצייט בשבת קודש י"ב תמוז
~ ~

# איין אשה'לע



*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

## גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק

"מַזָל טוֹב!" הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִיבֶּער דִי בֶּעטְן. "מַזָל טוֹב!" "מַזָל טוֹב!" הָאט אָפְּגֶעהִילְכְט אִינֶעם גַאנְצְן הויז. מֵיין מַאמֶע הָאט גֶעבּוירְן אַ אִינְגֶל. מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיך מִיט דִי מַתָּנָה פוּן נָאךְ אַ בְּרוּדֶער'ל. מִיר הָאבְּן שׁוֹין קוים גֶעקֶענְט וַוארְטְן אַז מֵיין מַאמֶע זָאל אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט דִי בֶּעיבִּי אִין שְׁטוּב, אָבֶּער וֶוען דִי גְלִיקְלִיכֶע שָׁעָה אִיז עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַ וָואלְקֶענְדְל אִיבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְנ'ס פָּנִים.

'אִיז עֶפֶּעס נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט דִי בֶּעיבִּי?' הָאבְּן מִיר שְׁפֶּעקוּלִירְט. דִי בֶּעיבִּי אִיז גֶעוֶוען צוּקֶער זִיס, עֶס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים. דער בְּרִית אִיז גֶעוֶוען אִין צֵייט. מֶען הָאט אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן מֹשֶׁה לֵייבּ. 'מֹשִׁי' דִי שֶׁענְסְטֶע נָאמֶען וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן. מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְשַׁאטְשְׁקֶעט מִיט אִים אוּן אִים אַרוּמְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן אַלֶע זַייטְן ווִי אַ שְׁפִּילְצַייג. עֶס הָאט אוּנְז נָאר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס מֵיין מַאמֶע אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט רוּאִיג וֶוען זִי הַאלְט אִים.

דִי יָארְן זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעלָאפְן. מֹשִׁי אִיז שׁוֹין הַיינְט צֶען יָאר, קְלוּג אוּן גֶערָאטְן. נָאר יֶעצְט הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיטְגֶעטֵיילְט מִיט אוּנְז וָואס עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶרֶע זָארְגְן פַאר צֶען יָאר צוּרִיק. אִיךְ וֶועל אִיבֶּערְגֶעבְּן דָאס וָוארְט פַאר מֵיין טַאטֶע:

מֹשִׁי אִיז גֶעבּוירְן אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה וֶוען מִיר שְׁפִּיגְלֶען זִיךְ אִין דָאס לֶעכְטִיג קִינְד. אַ שָׁעָה נָאכְן גֶעבּוירְן הָאט מֶען גֶענוּמֶען דָאס קִינְד פוּן אוּנְז צוּ מַאכְן אַלֶע סָארְטְן טֶעסְטְן [בְּדִיקוֹת]. דֶעם אַנְדֶערְן טָאג קוּמְט דֶער דָאקְטָאר צוּ אוּנְז אוּן מֶעלְדֶעט אַיין אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיטְן קִינְדְ'ס מֹחַ. עֶר וֶועט נִישְׁט זַיין קֵיין נָארְמַאלֶער. זַיינֶע אוֹיעֶרן זֶענֶען עֶפֶּעס וַוייסֶעך-וָואס אוּן דִי אוֹיגְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, בְּקִצּוּר, וֶוער וַוייסְט וָואס עֶס וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן פוּן אִים?

מִיר הָאבְּן גֶעמוּזְט הֶערְן דִי אַלֶע נְבוּאוֹת, וַויי צוּ דִי אוֹיעֶרְן... אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין מַיין קִישְׁן אוּן אִיר דוּרְכְגֶעוֶועצְט מִיט הֵייסֶע תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוּנְז הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אוּנְזֶער קִינְד זָאל וַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

לְמַעֲשֶׂה, הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן גֶעהַאקְט אַ טְשַׁיינִיק. מֹשִׁי אִיז גֶעוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אָבֶּער בַּיי אוּנְז אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ טְרָאמַא. יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֹשִׁי הָאט גֶעהַאט סַיי וֶועלְכֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן וָואס מַאכְט זִיךְ בַּיי קִינְדֶער, הָאבְּן מִיר גֶעטְרַאכְט, 'אָה, דָאס אִיז עֶס. עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין נָארְמַאלֶער...' וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט צוּ הַאלְטְן רֵיין, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פַאנְטְשֶׁער - מֶער פוּן אֵיינְס, בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז עֶר וֶועט שׁוֹין אֵייבִּיג דַארְפְן ווִינְדְלֶען. אוֹיבּ הָאט עֶר צוּפִיל

געוויינט האָב איך געמיינט אַז עפּעס איז ער קראַנק. און ווען ער איז שוין געווען כמעט צוויי יאָר אַלט אָבער איז נאָכנישט געגאַנגען אַליין, האָב איך שוין געהאַט אַ קלאָרע באַוויז אַז ער איז געבוירן פאַרקריפּלט.

משי איז געווען גרויס אין געשטעל. איך האָב אים געמוזט אָנטון שיך פאַר שיינקייט, ווייל די ליידיגע פּיס האָבן אים געמאַכט אויסזען מאָדנע. ער האָט זיך שוין געקענט שטעלן אויף די פּיס און זיך צוהאַלטן אָבער גיין אַליין האָט ער נישט געהאַלטן דערביי. איך האָב נאָך געמוזט שלעפּן דאס גרויסע קינד וואָס וועגט באַלד ווי אַ טאַנק.



"קום, מ'גייט פאָרן צו רבי שמעון," האָבן מיר באַשלאָסן. "מיר וועלן מתפּלל זיין פאַר משי." מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער נסיעה מיטנעמענדיג משי, אונזער אוצר.

ביי רבי שמעון האָבן מיר אויסגעגאָסן דאס גאַנצע אַנגסט וואָס האָט זיך אָנגעקליבן די פאַרלאָפענע צוויי יאָר. די טראַמאַ נאָך זיין געבורט, די פּחדים אַרום אים. מיר האָבן געשפּירט אַז מיר דאַרף אַ גרויסע ישועה, נישט אַזוי ווייט פאַר משי, מיר האָבן שוין איינגעזען אַז די דאָקטוירים ווייסן נישט קיין סאַך פון זייער קאָפּ צו זאָגן, נאָר מיין מח דאַרף אַ רפואה.

אַ לאַנגע צייט בין איך געזעסן נעבן רבי שמעון און געדאַווענט. איך האָב אַרויפגעלייגט משי אויפן ציון און אים געהייסן מתפּלל זיין פאַר זיך... אויך מיין פרוי פון דער אַנדערע זייט מחיצה האָט זיך איינגעבעטן ביים אויבערשטן.

מיר האָבן זיך געזעגנט פון רבי שמעון מיט לייכטע הערצער זייענדיג זיכער אַז מיר האָבן געפּועל'ט ישועות דאָ.

ביינאַכט האָבן מיר געהאַט אַ חתונה. איך האָב מיטגענומען משי'ן. אינמיטן טאַנצן זע איך ווי משי שפּאַצירט זיך אַרום אין זאַל. 'פון וואַנעט איז ער אַפּירגעקומען?' האָב איך זיך געוואונדערט?

ער האָט זיך אַרויסגעשטופּט פון ווענעלע און אָנגעהויבן צו גיין אויף די פּיס ווי גאָרנישט וואָלט דאָ פּאַסירט!

איך בין אַרויס אין אַ טאַנץ מיט מיינע קרובים דאַנקענדיג דעם אויבערשטן פאַר זיינע חסדים. 'משי איז געזונט און שטאַרק. עס פעלט אים גאָאַרנישט!' האָב איך זיך געהאַלטן אין איין חזר'ן. יעצט, צען יאָר שפּעטער קען איך זאָגן אַז ער איז נאָך קלוגער און מער געראָטן ווי סיי וועלכע קינד אין זיין עלטער!

# דער בית החיים אין אומאן



*אין קורצן פון פריער: דער גובערנאַטאר פון אומאן וועלכער האט באשיצט די אידן אין זיין פאלאץ האט באצאלט א פרייז: דאס לעבן פון זיין איינציגע טאכטער סאפיע!*

דערזעהענדיג פאַרזאַמעלט אַזאַ ריזן מאַסע פון טויזנטער אידן, האָט דעם הויפּטמאַן 'גאָנטע' ימ"ש אויפגעבליצט אַ געדאַנק: "אַ שאָד אומצוברענגן אַזויפיל מענטשן, לאָמיר זיי ענדערש אָפּ'שמדן און אַריינברענגען נאָך 30,000 ערליכע קריסטן צום קריסטליכן גלויבן". געטראַכט און געטון, מען האָט אַוועק געשטעלט אין שול-הויף אַ שיין באַצירטע חופה ווען אונטער דעם פּאָכעט אַ גרויסן זילבערנעם 'צלם'. מיט גרויסהאַלטערישע גאווה האט ער געלאָזט אויסרופן אַ דעקלעראַציע: "ווער עס וועט אַדורך שפּאַצירן דעם דאָזיגן חופה וועט אים דער 'אותו האיש' שענקען זיין לעבן אַלץ געטרייער קריסט. אָבער ווער עס וועט נישט איינגיין אויף דעם באַדינג וועט ער באַלד ווערן מיט אַ קאָפּ קורצער".

די בכיות וועלכע האָט אויסגעבראָכן צווישן די פאַרזאַמעלטע אידן האָט געקענט צולאָזן אַ שטיין, מאַמעס מיט קליינע קינדער האָבן געוויינט איינע אויפ'ן צווייטן. עלטערע אידן, יונגע בחורים'לעך האָבן הויך געקלאָגט ווי נישט מיט זייער שטימע. קאָכעדיגע טרערן האָט זיך געגאָסן פון אַלעמענס אויגן באַוויינענדיג זייער ביטערן שיקזאַל.

איין זאַך איז געווען קלאָר פאַר יעדן - קיין איין איינציגער פון די טויזנטער טויזנטער אידן - ווען צווישן זיי רעכענען זיך קליינע קינדער און בחורים'לעך - איז נישט בייגעפאַלן אין ווילדסטן חלום איינצוגיין אויף דעם באַדינג וואָס דער צר הצורר גאָנטע ימ"ש האָט זיי געגעבן. זיי האָבן אַלע אויסגערופן גרייטקייט אויסצושטרעקן דעם האַלז אויפן מזבח פון קידוש השם און נישט פאַרלייקענען - אפילו נאָר אויסערליך - דעם אייבערשטנס נאָמען. "וואָס איז דען ווערד דאָס לעבן אויב פון גאָט ברוך הוא מוז מען זיך שיידן?!" - האָבן זיי געזאָגט צווישן זיך - "לאָמיר אָפּפערן אונזער ביסל בלוט און פלייש פאר אונזער לעבעדיגן אייביגן באַשעפער, און מיר וועלן אַרויף גיין זיך טרעפן דאָרט מיט אים!".

צוזאַמען האָבן זיי זיך געגרייט מיט דערהויבנקייט און אינערליכע פרייד אויף דעם געוואַלדיגן זכיה וועלכע איז זיי אונטער געקומען מקדש צו זיין דעם אייבערשטנס נאָמען ברבים.

די באַנדע, זעענדיג אַז קיינער טרעט נישט צו אפילו נאָנט צום חופה, האָבן פאַרשטאַנען אז די פאַר'עקשנ'טע אידעלעך נעמען נישט אָן זייער אָנבאָט, זיי זענען ענדערש גרייט צו גיין אין

פייער ווי צו גיין אונטער איין חופה מיטן שתי-וערב. ברוטאַל האָבן זיי אָנגעפאַנגען דורך צו פירן אַ מאסן שחיטה. איינער נאָכן צווייטן איז אומגעברענגט געווארן דורך מיתה משונה הי"ד. דריי טעג און נעכט האָט אָנגעהאַלטן די דאזיגע שלאַכט הויז - ו', ז', און ח' תמוז פאלט אויס זייער יארצייט. שי דריי טעג האט זיך געגאסן אידיש בלוט ווי וואסער. פון איין זייט האט זיך געהערט די געזעגענונג'ס ווערטער פון צובראָכענע קרובים און משפחה מיטגלידער און פון צווייטן זייט האט מען געהערט הילכיגע קולות פון "שמע ישראל", וואס דער קדוש האָט נאָך אויסגעפיעט אויסצושרייען אַ סעקונדע פאַרן פאַרמאַכן דעם אויג אויף אייביג. די הייליגע קולות האבן זיך אויסגעמישט מיט די סאדיסטישע געלעכטער ווי זיי שפעטן פון די אידן.

המשך יבא בעז"ה

### א תפלה אויף ראש השנה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז יֶעצְט אִין עוּקְבְתָא דִמְשִׁיחָא אִיז אוּנְזֶער עִיקָר סְמִיכָה אוּן יְשׁוּעָה נָאר אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אוֹיף זֵיי טוּהֶען מִיר זִיךְ אָנְלַאנֶען, זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ דִיר, אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין דַיין גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן קֶענִיגְרֵייךְ אוֹיף אוּנְז, פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר. אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּהְן אִין דִי הֵיילִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה טֶעג, וִויאַזוֹי דִיר אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין דִיר מַמְלִיךְ צוּ זַיין אוֹיף אוּנְז בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה, אוּן וִויאַזוֹי צוּ שְׁטֵיין אַנְטְקֶעגְן דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים אוּן מְקַטְרְגִים, צוּ פַארְשְׁטָאפְּן דִי מוֹיל פוּן אוּנְזֶערֶע מַסְטִינִים וּמְקַטְרְגִים, נָאר מִיט דִי זְכוּת אוּן כֹּחַ פוּן דִי צַדִיקִים אֲמִתִּיִים, אוֹיף זֵיי לַאנֶען מִיר זִיךְ אָן, אִין זֵיי זֶענֶען מִיר זִיךְ סוֹמֵךְ, אַז זֵיי זָאלְן לוֹחֵם זַיין פַאר אוּנְז, זֵיי זָאלְן מַכְנִיעַ זַיין אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע פַיינְט אוּן אוּנְזֶערֶע רוֹדְפִים, אוּן זֵיי זָאלְן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז קְדוּשַׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּשְׁלֵמוּת.




# בשורה טובה

## האסטו הנאה געהאט פון דער סיום סיפורי מעשיות? ווילסטו איבערהערן דעם גאנצן מעמד?

## מען קען קויפן די דיסק ביי ר' יואל יאראוויטש,אדער אין בית מדרש אור הנחל, בן איש חי 54 דירה 11, ירושלים ביי ר' יעקב הערשלער הי"ו

# א שמועס מיט'ן זיידן



## אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן

**זֵיידֶע** – אַ גוּטְן בֶּערֶלֶע, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעוַואַרְט אוֹיף דִיר, וָואס קֶענְסְטוּ אִיבֶּערְזָאגְן עֶפֶּעס גוּטְס וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר?

**בֶּערֶעלֶע** - אוּנְז הָאבְּן גֶעלֶערְנְט פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע וָואס הָאט גֶעוָואלְט שֶׁעלְטְן דִי אִידְן חַס וְשָׁלוֹם אוּן דֶער הֵייליגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט בֶּענְטְשְׁן בְּרָכוֹת....

**זֵיידֶע** - זֵייעֶר שֵׁיין! אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַרַיין אַבִּיסְל זֶעהְט מֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, ווִי גְרוֹיס אִיז דֶער כֹּחַ הַדִּבּוּר, מִיר רֶעדְן מִיט אוּנְזֶער מוֹיל אַ גַאנְצֶע טָאג אוּן מִיר כַאפְּן גָארְנִישְׁט וָואסְפַארַא כֹּחַ מִיר פַארְמָאגְן, אַז אֲפִילוּ בִּלְעָם דֶער רָשָׁע, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁלֶעכְט אוּן נִידְרִיג הָאט גֶעהַאט אַ כֹּחַ מִיט זַיין רֶעדְן צוּ שֶׁעדִיגְן דִי אִידְן חַס וְשָׁלוֹם נָאר מִיט זַיין מוֹיל... אִיז ווִיפִיל כֹּחַ הָאט אַ וָוארְט פוּן אַ הֵיילִיג לוֹיטֶער אִידִישׁ קִינְד, וָואס טוּט אַסַאךְ גוּטְס אוּן פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער ווִי גְרוֹיס אִיז דִי כֹּחַ פוּן אַ דִבּוּר פוּן אַ אִיד?!!

אַמָאלִיגֶע צַייטְן אַז אֵיינֶער הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַ צַדִיק הָאט עֶר גֶעדַארְפְט מַאכְן אַסַאךְ תַּעֲנִיּוֹת אוּן סִגּוּפִים פַאסְטְן אוּן זִיךְ קוֹילֶערְן אִין שְׁנֵיי א.ד.ג. מִיט אַזֶעלְכֶע פַּיינִיגוּנְגֶען הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ל אוֹיךְ גֶעפִּירְט אִין זַיין יוּגְנְט, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הַשָּׂגָה אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס! רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז שְׁטַארְקֶער פוּן אַלֶע שְׁוֶועְרֶע עֲבוֹדוֹת! אַ דִּבּוּר, אַ וָוארְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע כֹּחַ.

**בֶּערֶעלֶע** – הָא, אוֹיבּ בִּלְעָם הָאט גֶעקֶענְט מִיט זַיין רֶעדְן אַזוֹי פַארְקְרִיכְן, קֶענֶען מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיטְן רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ פַּארְעֶכְטְן...

**זֵיידֶע** - יָא, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא לִיכְטִיגֶע וֶועג, רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ , דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט פָּאר מִיט מִיר אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי וַואקְסְט מֶען אַ צַדִיק. מֶען דֶערְצֵיילְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער מֻמְחֶה אִין וֶועגְן, ווייל דִי גְלַייכֶע גֶעוֶוענְטְלִיכֶע וֶועג אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט בְּלָאטֶע הָאט עֶר אַרוּמְגֶעדְרֵייט דֶער וָואגְן אִין אַ זַייטִיגֶע וֶועג אוּן שְׁפֶּעטֶער צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיפְּט שְׁטְרָאז, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "תַּעֲנִיּוֹת וְסִגּוּפִים אִיז אַ אַלְטֶער טְרָאק [אַלְטֶער וֶועג] צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ נַייעֶר טְרָאק צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אָבֶּער מְ'קוּמְט אַלְץ אַרוֹיף אוֹיף דֶעם אַלְטִין וֶועג." (שִׂישַׂ"ק)

**בֶּערֶעלֶע** – אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דִי וָואךְ פַּרְשַׁת בָּלָק אִיז אַ וָואךְ וָואס אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**זֵיידֶע** - רִיכְטִיג. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער

איד אַ חָסִיד פוּן רֶבִּי'ן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן ר' אֶפְרָיִמְ'ל קְרַאקוֹבְסְקִי זַ"ל עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט פְּשֶׁעדְבָּארְז. עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר עֹנֶג שַׁבָּת. עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין חוּץ לָאָרֶץ אוּן אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי – אַ גוּטֶער איד... עֶר הָאט גֶעהַאט חֲסִידִים אוּן אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט פַאר אַ גֶעוואלְדִיגֶער עוֹבֵד ה', עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'נְס דֶּרֶךְ וֶוען אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין פְּשֶׁעדְבָּארְז אַ שׁוּסְטֶער, זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶוען נָחוּם, עֶר הָאט אַרוּמְגֶערֶעדְט פָּשׁוּטֶ'ע דִיבּוּרִים אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן וֶוען דִי לוֹמְדִים הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי פָּשׁוּטֶ'ע וֶוערְטֶער פוּן טִיפְן הַארְץ פוּן דֶעם שׁוּסְטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל אוּן עֶרְשְׁטוֹינְט אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְשְׁטְן וֶוער הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דֶעם פָּשׁוּטְ'ן שׁוּסְטֶער זַיין הֵיילִיגֶע הַנְהָגָה אַזוֹי אַרוּם הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן... אַזוֹי זֶענֶען ר' אֶפְרַיִם מִיט זַיין חַבֵר ר' 'פִּנְחָס עִלוּי' נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן.

**בֶּערֶעלֶע** – פוּן אַזַא פָּשׁוּטֶ'ער שׁוּסְטֶער אִיז ר' אֶפְרַיִם גֶעוָוארְן מְקוּרָב?

**זֵיידֶע** – ר' נָחוּם אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער איד אַ שׁוּסְטֶער, אָבֶּער זַיינֶע אֶמֶתֶ'ע רֵיינֶע דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט דָארְט אַרוּמְגֶערֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט מְעוֹרֵר גֶעוֶוען דָאס הַארְץ פוּן ר' אֶפְרָיִמְ'ל מִיט זַיין חַבֵר ר' 'פִּנְחָס עִלוּי', אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוּן נָאךְ.

**בֶּערֶעלֶע** –אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן ר' אֶפְרָיִמְ'ל...

**זֵיידֶע**–יָא, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל יִחוּס, אַן אֵיינִיקְל פוּן ר' דָּוִד לֶעלוֹבֶ'ער, עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין זֵייעֶר בַּאוואוּסְט אוּן גְרוֹיס אָבֶּער עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוֶועלְט צוּ זַיין בַּאהַאלְטְן אוּן בַּאשֵׁיידְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיינֶע חֲסִידִים אוּן דִי גַאנְצֶע רֶעבִּיסְטֶעוֶוע אוּן אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן גֶעוואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם וואוּ עֶר זִיךְ גֶעפִירְט בִּפְשִׁיטוּת אַזוֹי ווִי אֵיינֶער פוּן דִי חֲבוּרָה, אָבֶּער וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל אַ טִיפֶערֶע בְּלִיק הָאט גֶעקֶענְט זֶען אַז דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער איד... אַ מוֹרָא'דִיגֶער גָאוֹן אִין אַלֶע חֶלְקֵי הַתּוֹרָה, אוּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶער בַּעַל מִדּוֹת.

**בֶּערֶעלֶע** – אָבֶּער זֵיידִי פַארְוָואס רֶעדְט מֶען מֶען יֶעצְט פוּן ר' אֶפְרָיִמְ'ל?

**זֵיידֶע** – הָא, זֵייעֶר גוּט אַז דוּ פְרֶעגְסְט, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע פַארְגֶעסְן דִי נְקוּדָּה וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן, ר' אֶפְרָיִמְ'ל הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ מוֹרָאדִיגֶע חִידוּשׁ! אַז בָּלָק אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, דָאס אִיז טַייטְשׁ צְוִוישְׁן מֶענְטְשׁ אוּן בַּאשֶׁעפֶער, מִיטְן רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִיבּוּרִים קֶען מֶען מְתַקֵּן זַיין דִי קְלִיפָּה פוּן בָּלָק. מִיט יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מִיר רֶעדְן, מִיט יֶעדֶע מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת וָואס אַ איד שְׁטֵייט קֶעגְן בַּאשֶׁעפֶער רֵייסְט עֶר אוֹיס בָּלָק פוּן דֶער וֶועלְט... לָאמִיר זִיךְ צוּזַאמֶען שְׁטַארְקְן אוּן אָנְפַאנְגֶען נָאכְאַמָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט אֲפִילוּ נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן מֶען גֵייט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט... אַן אַפּוֹינְטְמֶענְט מִיטְן מֶלֶךְ הָעוֹלָם! אוּן אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ מִיט אַ תְּמִימוּת אוֹיפְן מַאמֶע-לָשׁוֹן דֶערְצֵיילְן דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע זַאכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף, יֶעדְן טָאג מִיט אַ קְבִיעוּת וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן בֶּאֱמֶת.

המשך פון פאריגע וואך

... וְאָמַר שֶׁכָּל עִסְקוֹ הוּא רַק רֹאשׁ-הַשָּׁנָה וְהִפְלִיג אָז מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה, וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: (וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגִין קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַארְהַנְדְן, אַיי אַנְדֶערֶי זָאגִין נִיט אַזוֹי, נָא אִיז נָאךְ א קַשְׁיָא, גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ-הַשָּׁנָה) אֲחֵרִים אֵינָם אוֹמְרִים כַּךְ נוּ זֶה עוֹד קוּשְׁיָא כָּל עִנְיָנִי הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה] גַּם כְּבָר אָמַר (אוֹיף רֹאשׁ-הַשָּׁנָה דַארְפְן אַלֶע זַיין) . וְכָל זֶה הָיָה בְּאוּמֶין בְּרֹאשׁ-הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן שֶׁאָז דִּבֵּר עִמָּנוּ זֹאת. וְגַם מִכְּבָר דִּבֵּר עִמָּנוּ הַרְבֵּה שֶׁהוּא מַזְהִיר וּמְצַוֶּה לְכָל מִי שֶׁרוֹצֶה לִשְׁמֹעַ וּלְצַיֵּת אוֹתוֹ שֶׁיִּהְיֶה אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. וְאָמַר שֶׁהָיוּ צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת כְּרוּז וְכוּ' כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. וְדִבֵּר מִזֶּה הַרְבֵּה כַּמָּה פְּעָמִים:

## מַעֲלַת הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו

### רצא

אָמַר לְרַבִּי יוּדְל וְרַבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה כְּשֶׁהָיוּ נוֹסְעִים אֵלָיו מִדַּאשׁוּב לְמֶעדְוֶועדִיוּקֶע וּפַעַם אַחַת הָיוּ רוֹצִים לָצֵאת לִסְבִיבוֹת מֶעדְוֶועדִיוְקֶע כְּדֵי לִהְיוֹת סְמוּכִים אֵלָיו תָּמִיד וְכֵן עָשׂוּ. אָז אָמַר שֶׁהוּא מִתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אַחַר הַדְּרָכִים שֶׁלָּהֶם שֶׁהָיוּ נוֹסְעִים בָּהֶם אֵלָיו. וְאָמַר שֶׁבְּכָל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה שֶׁלָּהֶם כְּשֶׁנָּסְעוּ אֵלָיו נִבְרָא מַלְאָךְ מִכָּל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה. וְאָמְרוּ לוֹ הֲלֹא גַּם כַּמָּה יְגִיעוֹת יֵשׁ לָנוּ וְכַמָּה פְּסִיעוֹת אָנוּ הוֹלְכִין קֹדֶם שֶׁשּׂוֹכְרִין הָעֲגָלָה לִנְסֹעַ. הֵשִׁיב בְּוַדַּאי גַּם זֶה בִּכְלָל כִּי גַּם מֵאֵלּוּ הַפְּסִיעוֹת נִבְרָא מַלְאָךְ מִכָּל פְּסִיעָה וּפְסִיעָה. וּבְעֶרֶב רֹאשׁ-הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמֶין דִּבֵּר מִזֶּה וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן. (אִיךְ וְוינְטְשׁ מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן דָאס לֶעכְטִיקַייט פוּן דִיא וֶועגִין וָואס אִיר פָארְט אוֹיף זֵייא צוּ מִיר) אַחֲלַי שֶׁאֶזְכֶּה לִרְאוֹת אוֹר בְּהִירוּת הַדֶּרֶךְ שֶׁאַתֶּם נוֹסְעִים עָלָיו אֵלַי:

## גֹּדֶל יִקְרַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ

### תג

אָמַר, הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל. וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ. וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד. "אִכְלוּ מַטְעַמִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה:

### תד

אֶחָד אָמַר לְפָנָיו שֶׁהָיָה נִיחָא לוֹ יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל שַׁבַּת תְּשׁוּבָה וְלֹא עַל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה, כִּי אֵין לוֹ מָקוֹם לַעֲמֹד שָׁם בְּבֵית-הַמִּדְרָשׁ, וְגַם אֵין לוֹ אַכְסַנְיָא טוֹבָה לֶאֱכֹל וְלָלוּן, וּמֵחֲמַת זֶה דַּעְתּוֹ מְבֻלְבֶּלֶת מְאֹד וְאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה, עַל-כֵּן הָיָה

טוֹב לְפָנָיו יוֹתֵר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ בִּזְמַן אַחֵר וְלֹא בְּראשׁ-הַשָּׁנָה. הֵשִׁיב לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן, אִם לֶאֱכֹל אִם שֶׁלֹּא לֶאֱכֹל, אִם לִישֹׁן אִם שֶׁלֹּא לִישֹׁן, אִם לְהִתְפַּלֵּל אִם שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל (רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁלֹּא לְהִתְפַּלֵּל בְּכַוָּנָה כָּרָאוּי), אַךְ וְרַק שֶׁתִּהְיוּ אֶצְלִי עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה. (וְאָמַר בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: יָא עֶסִין נִיט עֶסִין, יָא שְׁלָאפִין נִיט שְׁלָאפִין, יָא דַאוִוינֶען נִיט דַאוִוינֶען, אַבִּי דוּ זָאלְסְט בַּיי מִיר זַיין אוֹיף ראשׁ-הַשָּׁנָה) (וּבֶאֱמֶת כָּל דְּבָרִים אֵלּוּ הַנַּ"ל הֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּפִתּוּיִים שֶׁל הַבַּעַל דָּבָר, כִּי תּוֹדָה לָאֵל נִרְאֶה בְּחוּשׁ שֶׁעַל-פִּי הָרֹב מִתְפַּלְּלִין יוֹתֵר בְּכַוָּנָה בִּכְלַל הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה, מִמַּה שֶּׁהָיָה מִתְפַּלֵּל בְּבֵיתוֹ):

## תה

עָנָה וְאָמַר הָראשׁ-הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ-הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּראשׁ-הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּראשׁ-הַשָּׁנָה שֶׁלִּי:

## תו

(ד) בְּעֶרֶב ראשׁ-הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמַין עָמַדְנוּ לְפָנָיו בְּעֵת שֶׁנָּתַנּוּ לוֹ הַצֶּעטְלִיךְ [קְוִויטְלַאךְ] שֶׁלָּנוּ וּמָעוֹת עַל פִּדְיוֹן. אָז שָׁאַל עַל אִישׁ אֶחָד מִנֶּעמְרִיב שֶׁלֹּא בָּא עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה. וְהִתְחִיל רַבִּי נַפְתָּלִי לְתָרְצוֹ וְלֹא קִבֵּל הַדְּבָרִים, וְהִקְפִּיד עָלָיו מְאֹד.

וְאַחַר-כָּךְ דִּבֵּר עוֹד מֵאֶחָד שֶׁלֹּא בָּא עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה מֵחֲמַת רִבּוּי מְנִיעוֹת, וּמֵחֲמַת זֶה נָסַע לְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה קֹדֶם ראשׁ-הַשָּׁנָה וְסִפֵּר לוֹ הַמְּנִיעוֹת. וְצִוָּה לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעַצְמוֹ לָשׁוּב לְבֵיתוֹ וְלֹא יִהְיֶה אֶצְלוֹ עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה. וְזֶה הָאִישׁ הָיָה מִגְּדוֹלֵי הַחֲשׁוּבִים, וְהָיָה צַר לוֹ מְאֹד מַה שֶּׁלֹּא יִזְכֶּה לִהְיוֹת נִמְנֶה עִמָּנוּ בְּראשׁ-הַשָּׁנָה. וְהִתְחִיל לְהִתְעַקֵּשׁ לְפָנָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁלֹּא יָשׁוּב לְבֵיתוֹ רַק יִשָּׁאֵר אֶצְלוֹ עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה. וְלֹא נִתְרַצָּה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּדְבָרָיו וְגֵרְשׁוֹ לְבֵיתוֹ. וְאָז אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אֵינִי יָכוֹל לְצַיֵּר לְעַצְמִי הַצַּעַר הַזֶּה מַה שֶּׁאַתָּה לֹא תִּהְיֶה אֶצְלִי עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה. וְאָמַר לוֹ הָאִישׁ הַנַּ"ל אִם-כֵּן אֶשָּׁאֵר בְּכָאן, וְלֹא הִסְכִּים וְשָׁב לְבֵיתוֹ.

אַחַר-כָּךְ בְּעֶרֶב-ראשׁ-הַשָּׁנָה דִּבֵּר עִמָּנוּ מִזֶּה, וְאָמַר שֶׁעָלָיו יֵשׁ רַחֲמָנוּת גָּדוֹל. כִּי רָצָה בֶּאֱמֶת לִהְיוֹת כָּאן עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה, אַךְ נִמְנַע מֵחֲמַת הַנַּ"ל. אַחַר-כָּךְ עָנָה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְאָמַר בְּקוֹל חָזָק מֵעֹמֶק הַלֵּב וּמָה אָמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, הַיְנוּ מִלִּהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן בְּקוֹל זִיעַ סַגִּיא (וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגִין, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַאר הַאנֶין. אַיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע יוּדִין זָאגִין נִיט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַקַשְׁיֶא) [מָה אמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה, וְאִם צַדִּיקִים אֲחֵרִים אֵינָם אוֹמְרִים כָּךְ אָז עוֹד קֻשְׁיָא] (כְּלוֹמַר הֲלֹא בְּלֹא זֶה כְּבָר מַקְשִׁין עָלָיו קֻשְׁיוֹת הַרְבֵּה וְיִהְיֶה קָשֶׁה עוֹד קֻשְׁיָא זֹאת גַּם-כֵּן מַה שֶּׁהִקְפִּיד כָּל כָּךְ לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל ראשׁ-הַשָּׁנָה דַּיְקָא.

## דער געווינער אויף שיחת ראש השנה 1 איז הילד החשוב נתן קרעמער, בית שמש טעלעפאן אין שטוב ** 6988

**צו ענטפערן די בחינות און ארייניגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-585-3040**

א. ווען האט דער רבי געזאגט "עס איז קיין גרעסערס דערפון נישט דא, דאס מיינט אז מען דארף זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה?"

- ❑ אין שטאט ברסלב תקס"ט צוויי יאר פאר זיין פטירה
- ❑ אין ארץ ישראל ווען דער רבי איז דארט אנגעקומען ערב ראש השנה
- ❑ אין אומאן ערב פון ראש השנה תקע"א צוויי-און-האלב וואכן פאר זיין פטירה

ב. וואס האט דער הייליגער רבי געזאגט? ווער ס'איז זוכה צו זיין ביי אים אויף ראש השנה איז רעכט ער זאל:

- ❑ פאסטן ערב ראש השנה
- ❑ זיין זייער פריילך
- ❑ זיין פריילך

ג. ווען דעם רבי'נס תלמידים פון דאשוב זענען געקומען צו אים האט ער געזאגט אז עס ווערט באשאפן א מלאך פון יעדע ?

- ❑ קילאמעטער
- ❑ רובל וואס מען האט באצאלט פאר די נסיעה
- ❑ יעדע איינציגע טריט

ד. דער רבי זאגט: "דער אויבערשטער ווייסט אז מיין ראש השנה האב איך באקומען..."

- ❑ א ירושה פון מיינע עלטערן
- ❑ א מתנה פון באשעפער
- ❑ בירושה פון מיין הייליגן זיידן דער בעל שם הקדוש זצוק"ל



*וואס האבן די בילדער א שייכות צו די שיחות*
*וואס מיר האבן געלערנט די וואך?*

ענדיג צו די ווערטער...

"**וזה נאמר על**" וואס איז געזאגט געווארן?____________ אויף וואס____________?

וואו ווערט דערמאנט די ווערטער אין די שיחות וואס מיר האבן געלערנט די וואך?

| | | |
|---|---|---|
| צעטליך | ממתקים | יגיעות |
| עומק הלב | מקפיד | תודה |

?



# טייערע ברסלב'ער אינגל,

קלינג יעצט אריין אין טעלעפאן ליין און זיי זיך משתתף אין דעם קאמפיין פאר'ן הייליגן רבינ'ס ראש השנה אויף יעדעס מאל וואס דו זאגסט א תיקון הכללי גייסטו אריין אין ווערדפולע גורלות.

## 02.5.3333.72

**אויף קנעפל 8-8**

**אדער אין 'לנצח המלחמה' 02.67.343.18**

כי התפלה זה עקר הכלי זין לנצח המלחמה

לנצח המלחמה

ר"ה תשפ"ד